**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 5/25/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט עפענונג פון ליניעס וואס זענען געווען פארשלאסן צוליב קאנסטרוקציע לכבוד 'מעמאריעל דעי' סוף וואך**

***פארשלאסענע ליניעס געעפנט פון פרייטאג, מאי 26 אום 6 אינדערפרי ביז דינסטאג, מאי 30 אום 6 אינדערפרי***

***דרייווערס ווערן שטארק געבעטן צו פארן שטייטער און זיך אריבעררוקן ווייט פון עמערדזשענסי און ארבעטס קארן און טראקס אויף די זייט פון די ראוד***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז ליניעס וואס זענען צייטווייליג פארשלאסן פאר ראוד און בריק קאנסטרוקציע פראיעקטן אויף ניו יארק סטעיט הייוועיס וועלן צוריק געעפנט ווערן פון 6 אינדערפרי, פרייטאג, מאי 26, ביז 6 פארטאגס, דינסטאג, מאי 30, כדי צו פארגרינגערן די רייזעס פאר די סוף וואך פון די 'מעמאריעל דעי' האלידעיס.

"מעמאריעל דעי צייכנט אפ די אומאפיציעלע אנהויב פון דעם זומער סעזאן, און ניו יארקער אריבער די סטעיט וועלן זיך ארויסלאזן אויף די שאסייען צו פארברענגען צייט מיט פריינט און פאמיליע," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "מיר שטעלן אפ די קאנסטרוקציע אויף סטעיט שאסייען צו העלפן פארגרינגערן טראפיק און זיכער מאכן אז יעדער איינער קען אנקומען צו זייער דעסטינאציע זיכערערהייט און מיט די ווייניגסטע פארשפעטיגונגען וואס איז נאר מעגליך. איך בעט שטארק פון יעדן איינעם וואס פארט דעם סוף וואך צו טוהן זייער חלק דורכן פלאנירן פון פאראויס און דרייווען אחריות'דיג."

דרייווער זאלן זיין וויסן אז געוויסע ארבעט וועט מעגליך ווייטער אנגיין הונטער פערמאנענטע צעמענטענע צוימען אדער פאר עמערדזשענסי פאררעכטונגען. די אפשטעלונג פון קאנסטרוקציע איז אין איינקלאנג מיט ניו יארק סטעיט'ס 'דרייווערס ערשט' (Driver's First) איניציאטיוו, וואס שטעלט אלץ פריאריטעט די באקוועמליכקייט פון דרייווערס כדי צו מינימיזירן טראפיק אנגעלייגטקייט און רייזע פארשפעטיגונגען צוליב ראוד און בריק ארבעט.

[AAA](#) רישט זיך אז 42.3 מיליאן מענטשן וועלן ארומפארן די סוף וואך פון די מעמאריעל דעי — זייענדיג 7 פראצענט מער פון 2022. בלויז מיט קארן אליין, רישט זיך AAA אויף א העכערונג פון 6 פראצענט פון א יאר צוריק – מער פון צוויי מיליאן דרייווערס – פאר א סך הכל פון 37.1 מיליאן מענטשן.

מאטאריסטן זאלן נאכפאלגן דעם סטעיט׳ס ׳רוק זיך אריבער׳ געזעץ, וועלכס פארלאנגט פון מאטאריסטן צו פארן שטייטער און זיך פארזיכטיג רוקן אין די זייט ווען געזעץ אינפארסירונג אויטאס, פייער לעשער, אמבולאנסן, שלעפער טראקס אדער קאנסטרוקציע אדער ארבעט אויטאס אפגעשטעלט ביי די זייט פון דער ראוד לענגאויס דעם סטעיט.

אזויגערופענע 'טעקסט סטאפּס' – אריינרעכענענדיג 'פּארק-ענד-רייד' פלעצער, רעסט עריעס, סערוויס עריעס און פארקינג עריעס לענגאויס די סטעיט הייוועיס – שטיצן די סטעיט'ס באמיאונגען צו רעדוצירן אומאויפמערקזאמע דרייווען. אלע טעקסט סטאפּס וועלן בלייבן אפן, גיבנדיג א פלאץ וואו דרייווערס קענען באקוועמערהייט און זיכערערהייט נוצן זייערע טעלעפאנען און אנדערע כלים צו רופן, טעקסטן, קוקן אויף די מאפּעס און נוצן טעלעפאן עפּס. טעקסטן בשעת'ן דרייווען איז באזונדערס סכנות'דיג אזוי ווי עס פארלאנגט אז דרייווערס זאלן אראפנעמען זייערע אויגן פון די ראוד, די הענט פונעם רעדל און די קאפּ פונעם דרייווען.

די טרו-וועי אויטאריטעט דערמאנט דרייווערס אז 10 סערוויס עריעס זענען פארשלאסן און אונטער קאנסטרוקציע אלץ טייל פון דעם 450 מיליאן דאלארדיגן פריוואטע אינוועסטירונג און מאדערניזירונג [פראיעקט](). גאז סערוויסעס בלייבן אפן ביי אלע לאקאציעס. דרייווערס קענען זעהן די סערוויס עריעס און פלאנירן זייערע אפשטעלונגען אויף די טרו-וועי אויטאריטעט'ס [וועבזייטל]() און אויף דעם אומזיסטן [טעלעפאן עפּ]().

**טראנספארטאציע דעפארטמענט קאמישאנער, מערי טעריזע דאמינגעז האט געזאגט,** "פארן – באזונדערס דורכאויס א פארנומענע סוף וואך פון א האלידעי – קען זיין שווער און אנגעצויגן, און דערפאר איז דאס אונזער ציהל ביי די ניו יארק סטעיט טראנספארטאציע דעפארטמענט ( New York State Department of Transportation, NYSDOT) צו מאכן די רייזעס ווי גרינג און זיכער וואס עס איז נאר מעגליך. דורכן אפשטעלן קאנסטרוקציע אקטיוויטעטן, האט גאווערנער האקול ארויסגעוויזן איר איבערגעגעבנקייט צו זיכערהייט און באקוועמליכקייט, א זאך וואס וועט ערלויבן רייזנדע צו אנקומען צו זייערע דעסטינאציעס מיט ווי וויניגער שטערונגען ווי מעגליך. איך רוף אויף דרייווערס צו אנטוהן די סיטע בעלטס, אוועקלייגן די טעלעפאנען און זיין אויפמערקזאם — כדי יעדער זאל קענען אנקומען צו זייערע דעסטינאציעס זיכערערהייט."

**טרו-וועי אויטאריטעט צייטווייליגער עקזעקיוטיוו דירעקטאר, פראנק ג. האָור, האט געזאגט,** "די סוף וואך פון מעמאריעל דעי איז געווענטליך גאר א פארנומענע צייט אויפן שאסיי, און דאס אפשטעלן קאנסטרוקציע וועט העלפן מינימיזירן אנגעלייגטע טראפיק און פארשפעטיגונגען. כאטש די קאנסטרוקציע ארבעט איז אפגעשטעלט, וועלן עמערדזשענסי און שאסיי ארבייטער נאכאלץ זיין דארט צו ארויסהעלפן מענטשן וואס פארן. עס איז קריטיש אז דרייווערס זאלן זיין וואכזאם, פארן שטייטער און זיך אריבערררוקן צו די אנדערע ליניע ווען זיי זעהען עמערדזשענסי קארן אויף די זייט פון די ראוד. דרייווען פאראנטווארטליך קען ראטעווען לעבנס."

**ניו יארק סטעיט דעפארטמענט אָוו מאטאר וויהיקלס (Department of Motor Vehicles, DMV) קאמישאנער און גאווערנער'ס טראפיק זיכערהייט קאמיטע ( Governor's Traffic Safety Committee) פארזיצער, מארק דזש. פ. שרעידער, האט געזאגט,** "מיט ווארעמערע וועטערס, קענען פילע פון אונז נישט ווארטן זיך ארויסצולאזן אויף די אפענע שאסיי צו גיין צו נייע זומער רייזע דעסטינאציעס. מיט מער קארן קומט א גרעסערע סכנה פון דרייווערס וואס זענען נישט פולשטענדיג אויפמערקזאם אויפן שאסיי און דערמיט גרעסערע אויסזיכטן פון עקסידענטן. עס איז אזוי וויכטיג אז יעדער איינער זאל טוהן זייער חלק צו אכטונג גיבן אויף די אנדערע דרייווערס לענגאויס די וועג צו זיכער מאכן אז יעדער קומט אן וואו זיי זענען געוואנדן זיכערערהייט."

**ניו יארק סטעיט פאליציי צייטווייליגער סופּעראינטענדענט, סטיווען א. ניגרעלי, האט געזאגט,** "הייוועיס זענען פון די סכנות'דיגסטע פלעצער צו ארבעטן פאר די מאנשאפט מיטגלידער וועלכע רופן זיך אפּ צו עמערדזשענסיס און וועלכע האלטן אויף אונזערע שאסייען. דורכאויס די סוף וואך פון מעמאריעל דעי זענען נישט נאר דא פילע פייערונגען, נאר אויך מער רייזעס אריבער ניו יארק סטעיט. כאטש די

קאנסטרוקציע אויף די שאסייען וועט זיין אפגעשטעלט, זאלן דרייווערס פארזעצן צו אויספאלגן די גענצן פון די שאסיי. דרייווערס ווערן דערמאנט צו דרייוון מיט וואכזאמקייט אריבער ארבעט זאנעס, אויספאלגן די ספיעד לימיטס אויף די שילדן, זיין אויפמערקזאם פון עמערדזשענסי און ארבעט קארן און טראקס און נישט דרייווען אונטער די איינפלוס. צוזאמען קענען מיר נעמען גרויסע שריט צו פייערן די סוף וואך פון די אלידעי זיכערערהייט."

די טרו-וועי אויטאריטעט מוטיגט דרייווערס צו דאַונלאָודען איר טעלעפאן עפּ וואס איז דא צו באקומען אומזיסט אויף iPhone און Android טעלעפאנען. די עפּ גיבט דרייווער דירעקטע צוטריט צו לעבעדיגע טראפיק און אנווייזונגען הילף בשעת'ן פארן. דרייווערס קענען זיך אויך איינשרייבן צו באקומען TRANSalert אימעילס וועלכע גיבן די לעצטע אינפארמאציע איבער טראפיק אומשטענדן לענגאויס די טרו-וועי.

פאַלאָוט די טרו-וועי אויטאריטעט אויף Twitter ביי @NYSThruway און אויף Facebook ביי New York State Thruway Authority.

מענטשן וואס פארן קענען אויסהערן/זעהן די NYSDOT's NY511 בעפארן פארן דורכן רופן 5-1-1, באזוכן די 511 וועבזייטל אדער דאַונלאָודען די אומזיסטע NY511 טעלעפאן עפּ אויף iTunes אדער Google Play. די אומזיסטע סערוויס ערלויבט די באניצער צו הערן/זעהן שאסייען אומשטענדן, זעהן 2219 טראפיק קאמערא און זיך פארבינדן צו לופט און טראנספארטאציע אינפארמאציע. די עפּ האט אויך א 'דרייוו' פיטשעוועק וואס גיבט אלערטס דורך א שטימע לענגאויס אן אויסגעוועהלטע רוּט בשעת'ן דרייוון, ווארענענדיג דעם דרייווער איבער אינצידענטן און קאנסטרוקציע.

פאַלאָוט די ניו יארק סטעיט DOT אויף Twitter ביי @NYSDOT און אויף Facebook ביי New York State Department of Transportation.

די דעפארטמענט אָוו מאטאר וויהיקלס מוטיגט דרייווערס צו נוצן די 'Have a Plan' (האט א פלאן) עפּ צו העלפן טרעפן א זיכערע וועג אהיים פון א פייערונג וואו איר וועט מעגליך טרונקען אלקאהאל. דער אומזיסטער עפּ פון דעם גאווערנער׳ס טראפיק סעיפטי קאמיטע און דער NYS STOP-DWI פאנדעישען ערלויבט פאר באניצער צו דעזיגנירן א דרייווער, באשטעלן א טעקסי אדער א רייד-שעיר, און איבערצוקוקן די קאנסעקווענצן פון אומפעאיג דרייוו׳ען. באניצער קענען אפילו ניצן דעם עפּ צו באריכטן אן אנגעטרונקענער אדער אן אנגע׳דראג׳טער דרייווער. די עפּ איז דא צו באקומען פאר Apple, Android און Windows סמארטפאָונס.

פאַלאָוט די DMV אויף Twitter ביי @NYSDMV און אויף Facebook ביי New York State Department of Motor Vehicles.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו קאמער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418